# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

Subscription Price
50 Cents A Year

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

JANUARY 1924
VOL. IV No. 4

## THE LOGIC OF THE CHANGED CALENDAR

(Continued from last month)

As a matter of fact, only twelve years after the Easter tables of Dionysius, the Emperor Justinian—A. D. 537—issued a decree directing that all public documents should be dated by the year of the emperor, the name of the Consul, and the Indiction, or tax-period, then current. But only four years later the last Consul was elected; the office and the name alike became shadows. Emperors and Consuls have counted for nothing against the name of Jesus Christ. By A. D. 525 that name had stolen into the imagination of the world. It had stamped itself on literature. Greek games, Roman Consulates, mighty Emperors, world-famed conquerors vanished like hurrying phantoms. Why should time be dated "ab urbe condita" when Rome itself had lost both empire and fame? So A. D. took the place of A. U. C. Only one Name, survived only by one figure, was visible across wide spaces of perished time. That name and figure represented the energies which were moulding human society to a new pattern; and, as a visible concrete reflex of that fact, the world's time began to be reckoned from the birth of Jesus Christ. All that had gone before, all that had happened beside, no longer counted. By a deep, unconscious inarticulate, yet irresistible instinct the world recognized, and recorded on its almanacs, the true starting-point of life.

Many attempts have been made since to give another point of departure for recorded time. La Place, the astronomer, proposed to give stability and dignity to human chronology by linking it to the stars.

Some four thousand years before Christ the major axis of the earth's orbit coincided with the line of the equinoxes; in A. D. 1250 they were at right angles to each other. Human time, La Place argued, ought not to be adjusted to the trivial events and vanishing names of earthly history, but the march of the heavenly bodies. Here in the depths of space, and in the grouping of the planets, it was possible to find a magnificent and unchanging mark to which all human calendars might be adjusted. Why not make the moment from which the whole earth should count its time that at which the line of the equinoxes is at right angles to the axis of the earth's orbit? But science has not yet re-dated the almanac, and never will. Islam has made a faint and broken mark on the calendar. Mohammedan nations count their time from the Hegira, A. D. 622. The Moslem almanac was drawn up by the Caliph Omar in A. D. 640, only eighteen years after the Flight, and he imposed his calendar on all followers of Mohammed by the logic of the sword. Time for them was re-dated by force; and still the Hegira is confined as a time-measure to a dying creed and to cluster of half-civilized races. The most notable attempts in modern days to find a new starting-point for civilized time was that undertaken by France in 1793. The Revolution was to be counted as the year One; and that ambitious calendar has many things in its favor. It undoubtedly coincided with a political new birth; and since the Revolution had great passions and forces behind it, and great ideals before it, the new date marked the beginning of an enduring movement.

The world of European politics has never been the same since the Revolution, and never will be. The calendar enacted by the French Assembly had thus some historic justification, and it was adorned with all the artistic graces that the lively French imagination could invent. Its months had poetical names; its festivals bore such high sounding labels as Virtue, Genius, Labor, Opinions, Rewards. The revolutionary calendar in brief, had for the Revolution itself the office of a flag—and it shared the fate of a flag. It fell with the cause it represented. It lasted just 13 years; and its only legacy to history is the tangle of names and dates with which it confuses the records of those thirteen years.

All the forces known to history, in a word, and all the ideas that have authority for the human imagination, have been employed to mark the starting point from which the human race may count its years; and all have failed. Only one Event towers high enough above the horizon of history to serve as a landmark and a time measure for all civilized races.

Faith, of course, sees in that deep mark on the human almanac a mysterious and, as far as human purpose is concerned, an undesigned, but all-significant, token of ownership. It corresponds to the stamp on the coin. It answers the challenge, "Whose image and superscription is this?" It is both a sign and a prophecy, a sign that the centuries belong to Christ, a prophecy of the fast-coming hour when all that Time includes and represents shall bear His signature.

But what faith sees in the Christianized calendar, is for our purpose irrelevant. What adequate and intelligible explanation can, on scientific grounds, be given of this strange signature of a dead Jew's hand on all the almanacs of the living world? What force wrote it there? Is it a mere historic accident? Is it the result of a reasonless caprice? It is certainly not the result of any conspiracy on the part of Christian fanatics.



**BETH SAR SHALOM**

**Williamsburg Mission To The Jews**

**Throop Avenue and Walton Street**

Brooklyn, N. Y.

Suppose some strange chemical force suddenly awoke in all the seas of the planet, crept through all their depths, and changed the tint of every wave. No one could name the moment when the change took place; no one could guess the cause. But the change was visible to man's very senses. Every wave that broke reflected the new tint. Would plain men accept as a sufficient explanation the theory that a child had by accident dropped its box of colors into the sea? Would a conspiracy of chemists explain it? What affected the color of all the seas must be a force as wide as the sea, and as deep.

On the theory that Christ never lived, or that He was an imposter, in regard to whom only the visible human elements have to be computed, the change in the nomenclature of time is the very paradox of history. Here is a peasant in the darkest age of the world; he lived in a subject province; He never wrote a sentence which has been preserved; He died when He had scarcely reached manhood, and He died cast out by his own race, and abandoned by his scanty handful of followers. And yet twenty centuries after he hung on the cross his birth is accepted, by believers and unbelievers alike, as the point whence all the centuries must be counted. In Jean Paul Richter's magnificent sentences, "the crucified Jew, being the holiest amongst the mighty, the mightiest amongst the holy, has lifted with His pierced hands empires off their hinges, turned the stream of centuries out of its channel, and still governs the ages." And all our almanacs repeat in unconscious prose, and in unrhythmical numerals, the flight of stately rhetoric.

ווארטען מיט'ן חוב און איהם נאך צו־בארגען נייע סחורה.

דער סטאר־קיפער האט אבער דערפון ניט געוואלט וויסען און האט איהם קיין נייע סחורה נישט געוואלט געבען ביז ער באצאהלט ניט דעם אלטען חוב. דער פעדלער איז במילא אומעטיג ארויס פון'ם סטאר. וואס טהוט מען? קיין סחורה און קיין געלד!

אזוי שטעהענדיג פאר'צרה'ט פארטראכט, געהט דורך א גוטער פריינד און פרעגט איהם "מדוע פניך רעים היום?". און דער פעדלער האט איהם זיין גאנץ פעקל צרות דערצעהלט וועלכעס האט דעם "פריינד" שטארק בעריהרט און איז מיט'ן פעדלער אריין צוריק אין סטאר, ער האט פאר איהם בעצאלט דעם אלטען חוב און איהם געשאפט א גוטען קרעדיט אויך פאר דער צוקונפט, וועלכעס דער פעדלער האט קיינמאל ניט געקענט פארגעסען, תמיד לויבענדיג יענעם גוטען מאן פאר זיין גרויסער טובה וואס האט איהם געשטעלט אויף די פיס.

אט־א־דאס האט ישוע המשיח געטהון פאר אונז אידען, נור אין א גרעסערען מאסשטאב.

מיר אידען וואס זיינען אין דער בחינה פון יענעם פעדלער, האבען אמאל געזאגט "נעשה ונשמע" און גאט ב"ה האט געזאגט צו אונז אידען: גוט, איך וועל אייך גלויבען און פערטרויען, אבער געדענקט, "ונפש החטאת תמות", איהר וועט מוזען באצאהלען אייער חוב!

מיר קומען אבער יעדען ר"ה ויו"כ בעטען נייען קרעדיט, און באצאלען דעם אלטען חוב קענען מיר ניט. דאס פאסטען טויג ניט. דיא כפרות טויגען אויף א גוטע כפרה. די תפלות העלפען אויך ניט. (ישעיה א, 11-16) יא, אלע אונזערע מעשים טובים זיינען אזויפיעל ווערט וויפיעל א שמוציגעם בגד. (ישעיה ס"ד, ה) גאט זאגט: "כי הדם הוא בנפש יכפר" (ויקרא י"ז) ד"ה, נור דאס בלוט קען באצאלען דעם חוב! געוואלד, וואס איז דא צו טהון!

אט־א־דא איז ישוע המשיח אויף דער סצענע געקומען און האט פאר אונז באצאלט דעם אלטען חוב מיט זיין אייגענעם בלוט און מיט זיינע לידען. (ישעיה נ"ג) און אזוי־נאך פאר אונז אויך געשאפען א גוטען קרעדיט ביי גאט ב"ה. אזוי ווי עס הייסט אין ישעיה נ"ג: "אם תשים אשם נפשו יראה זרע יאריך ימים וחפץ ד' בידו יצלח.

---

## גרויסע אידען.

דיזעס בילד שטעלט פאר, דעם גרויסען איד, דאקטאר אברהם אלטהויז, פון רוסלאנד.

אברהם אלטהויז זייענדיג א בן תורה, איז אין זיינע יונגע יאהרען געווען א גמרא מלמד אין די העכערע קלאסען פון די דארטיגע ישיבה. דאס האט אבער זיין הויכען גייסט ניט צופריעדען געשטעלט, ער האט זיין פאזיציע אויפגעגעבען און איז אוועק נאך לעמבערג (גאליציען) וואו ער האט מיט דער אידישער אינטעליגענץ באקאנטשאפט געשלאסען און האט זיך א וועג דורכגעשלאגען צו שטודירען. אזוי זעהען מיר איהם ביי טאג געבען העברעאישע לעקסאנס צו שטודענטען און ביי נאכט שטודירען. דורכגעהענדיג די נעטהיגע שוהלען און שפעטער אויך די מעדיקאל־קאלעדזש, איז ער שפעטער ארויס געקומען אן אויסשטודירטער דאקטאר, און האט דארט אויך פראקטיצירט.

אין יענער שטאדט האט דאמאלס געלעבט א מיסיאנאר דניאל עדווארדס, וועלכער איז שטארק קראנק געווארען. די השגחה האט אזוי געוואלט אז מ'זאל דעם בענאכבארטען דר' אלטהויז רופען צו אטענדען דעם קראנקען מיסיאנאר.



רעוו. דאקטאר אברהם אלטהויז

ביי איינעם פון זיינע וויזיטס, האט דער דאקטאר געטראפען דעם חולה זיצען אין בעט און לערנען א קאפיטעל פון גאט'ס תורה. פון "תורת ד' תמימה משיבת נפש. דאמאלס האבען זיך די צוויי גדולים אויסאיינאנדער גערעדט מכח אמונה. א ווארט צו א ווארט, איינער האט דעם צווייטען געגעבען רפואת הגוף און דער לעצטער האט דעם ערשטען געבראכט צו רפואת הנפש בישוע המשיח. איהם ציטירענדיג דאס בריליאנטענע קאפיטעל ישעיה נ"ג, וועלכעס געהט אויף ישוע המשיח.

אהיים געהענדיג פון יענעם וויזיט האט אונזער אידישער דאקטאר קיין צייט פארלוירען, האט זיך געקויפט א תנ"ד'ל ביי א אידישען מוכר ספרים, און האט דאס דאזיגע קאפיטעל גוט דורכשטודירט, איינמאל, צווייאמאל און דריימאל, און אט דאס קאפיטעל האט איהם טאקע די אויגען געעפענט און דערזעהן ישוע אלס דעם משיח אלהי יעקב. און אט לעזט און שטוינט וואס פאר א גרויסע ענדערונג ישוע המשיח האט געבראכט אין זיין לעבען: ־

אונזער גרויסער איד, דאקטאר אלטהויז, האט זייט דאמאלס, ניט געווארט אז מ'זאל איהם קומען רופען צו א חולה, נייערט ער איז געגאנגען אין דער ארעמער אידישער גאס פון הויז צו הויז, פרעגענדיג אויב ס'איז דארט פאראן א חולה וואס דארף א דאקטאר און קען ניט באצאלען. ער האט זיי אלע געהיילט אהן געלד, און אין פיעלע פעלע האט ער אויך פאר די מעדיצין אליין בעצאלט און האט אין נויטיגע פעלע אויך אביסעל געלד צוריק געלאזט פאר דער ארעמער פאמיליע. באמת, אזא נאבעלען כאראקטער קען נור ישוע המשיח מאכען.

שפעטער איז ער צוריק געפארען נאך רוסלאנד און איז דארט געווארען א מעדיקעל־מיסיאנאר. אזוי באלד א חולה איז אין זיינע הענד אריין געקומען, האט ער אין מיינסטע פעלע איהם געגעבען א רפואת הגוף ווי אויך א רפואת הנפש אין ישוע המשיח. די רפואת הנפש איז ביי איהם נאך פיעל העכער געשטאנען ווי די רפואת הגוף. ווייל ווען א גוף ווערט קראנק זעהט מען עס באלד, און מ'שיקט נאך א דאקטאר. אבער ווען "נפש כי תחטא", ווען דאס נפש ווערט קראנק, זעהט מען עס אין פיעלע פעלע ניט ארויס אום עס באצייטענס צו היילען און דאס נפש וועט אמאל מוזען אבגעבען דין וחשבון לפני מלך מלכי המלכים. און אט אזאלכע קראנקע נפשות דרעהען זיך אונטער אידען ארום זעהר פיעל. אמת, מ'זעהט ניט זייער גייסטיגע קראנקהייט. זיי האלטען דאס פארבארגען, מ'זאל עס חלילה ניט וויסען. אבער קראנק זיינען אלע, דער רב, דער חזן, דער ראש הקהל, יא, אלע! דערפאר האט טאקע גאט ב"ה אונז געגעבען דעם הייליגען משיח אז ער זאל אונז ברענגען א רפואת הנפש, אזוי ווי עס הייסט אין ישעיה נ"ג, ה': "והוא מחלל מפשעינו מדכא מעונותינו מוסר שלומנו עליו ובחברתו נרפא לנו".

איינמאל האט מען אונזער דאקטאר גערופען צו א אידישען חולה וואס איז געווען א גרויסער פאנאטיקער, און אזוי באלד ווי ער האט דערשמעקט ווער דער דאקטאר איז, האט ער זיך ביי איהם ניט מעהר געלאזט אונטערזוכען, האט איהם געהייסען ארויס געהן פון־הויז און האט איהם נאכגעשפיגען. דער גוטער עדעלער דאקטאר האט דעם בזיון מוחל געווען אזוי ווי ישוע המשיח האט אונז געהייסען טהון און ווי ישוע המשיח אליין האט עס געטהון. דער ח ו ל ה האט אבער, נאך יענעם היסטארישען "שפיי" פלוצים אנגעהויבען צו שפייען מיט בלוט. דער חולה האט געזעהן אז "הלא דבר הוא" האט ער דעם דאקטאר געלאזט רופען, איהם איבערגעבעטען, און שפעטער אויך אליין אנגעהויבען צו גלויבען אין ישוע המשיח.

וואלט אונזער גרויסער איד געווען געבליבען א גמרא מלמד, א שונא צו ישוע המשיח, מ'שטיינס געזאגט, וואס פאר א ברכה וואלט ער דען גאר געווען פאר דער מענשהייט?

ווי איהר זעהט דא אויף'ן בילד האט ער דערלעבט א שיבה טובה און איז געווען אין עבודת הבורא יתברך ביז זיין לעצטען לעבענס יאהר, ער איז פון אלטקייט שוואך געווארען און איז אהיים צו זיין משיח אין הימלישען ירושלים, איבערלאזענדיג אסאך תלמידים וואס האבען דורך איהם געגלויבט און ישוע המשיח און אויסגעלעבט זייערע יאהרען בשלום ובשלוה.

---


# בית שר שלום

קארנער טרופ עוו. און וואלטאן סטריט, ברוקלין נ.י

קומט צו אונזערע פערזאמלונגען

**זאנטאג נאכט 8 אוהר ־ ־ ־ ־ פיר מענער און פרויען**

פרייטאג נאכט 8 אוהר ——— פיר מענער און פרויען

מאנאטג נאכט 8 אוהר ־ ־ ־ טעסטאמאניעל מיטונג

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10·11

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאט'ס בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

Subscription Price 50 Cents A Year

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

JANUARY 1924
VOL. IV No. 4


## דזשייקאב שיף'ס אייניקעל ווערט א קריסטליכע פרוי

פאר איינינע וואכען, האט די טאכטער פון מארטימער שיף, אן אייניקעל פון דעם גרויסען פילאנטראפ דזשייקאב שיף, התונה געהאט מיט א קריסט.

די התונה איז געפראוועט געווארען אין איינע פון די רייכסטע עפיסקאפאלישע קירכען אין ניו יארק, און דער מסדר קידושין איז געוועזן, דער בעקאנטער בישאפ "שיפמאן".

דיעזע ערשיינונג איז פון גרויסער באדייטונג:

אונזערע פאנאטישע אידישע ברידער, די וואס האלטען זיך כלומרש פרום, (מ'שטיינס געזאגט, וואסארא פרומקייט מ'קען געפינען ביי אידען אין אמעריקא) זיי האבען א כלל, אז ווען א איד ווערט א קריסט, האט ער דאביי א מאטעריעלען מאטיוו. צב"ש: אז קריסטען באצאהלען אסאך געלד פאר א אידישע נשמה וואס ווערט א קריסט: וואס קענען זיי אבער זאגען צו דעם אויבען דערמאנטען פאל? דזשייקאב שיף האט איבער געלאזט אסאך מיליאנען פאר זיינע קינדער, האט דאך די טאכטער פון מארטימער שיף געהאט געלד, די והותר, טא פאר וואס איז זי געווארען א קריסטליכע פרוי? וויסארא פירוש קען מען גאר מאכען וועגען דעם קריסטליכען ווינד וואס האט אריין געווארפען א פונק פון קריסטענטום אין דער משפחה פון דזשייקאב שיף. די שעהנסטע אידישע משפחה אין אמעריקא?

דאס איז אבער ניט די איינציגע פאסירונג אין דער אידישער גאס פון שעהנע משפחות פון פילאנטראפיע, יחוס, אינטעליגענץ און לומדות! דער זוהן פון דעם באריהמטען "אונטערמייער" האט אויך איצט התונה געהאט מיט א קריסטליכע פרוי, אין א טשוירטש אין ניו יארק! די פערנאנטע משפחה "שטערן" האבען אויך קריסטען אין זייער מיט! נישט לאנג צוריק האמיר ערשט געלעזען איבער דעם ערשט פארשטארבענעם דאקטאר טרעוועס פון לאנדאן, וועלכער האט געשטאמט פון'ם גרויסען גאון "רש"י", און אט דער דאקטאר איז געוועזען כל ימיו א גלויביגער אין ישוע המשיח. דער שרייבער פון דיעזע צייל'ען האט אנגעגנסט באגעגענט א איד פון דעם רמב"ם'ס משפחה וועלכע גלויבט אין ישוע המשיח.

דער שרייבער האט אויך געקענט דעם באריהמטען רב און גאון "ליכטענשטיין" פון אונגארן וועלכער האט עפענטליך באקענט זיין אמונה אין ישוע המשיח: אט־אדער גאון האט עס אודאי און אודאי ניט געטהון פאר געלד אדער פאר כבוד, ווייל כבוד האט ער אסאך מעהר געהאט זייענדיג א רב, צו וועם אלע אנדערע רבנים האבען זיך געווענדעט מיט שאלות ותשובות. האט תמיד באקומען "שישי" אין שוהל, תמיד געזעסען אויף מזרח ביים ארון הקודש, און מ'האט כתם אויף איהם געקוקט פון אונטען ארויף. און געלד האט ער אויך קיינמאל ניט געזוכט ווייל ער איז תמיד געוועזן א "שונא בצע". איהר וועט אבער אפשר פרעגען, נו'טאקע, פארוואס האט ער דאס טאקע געטהון?

די אנטווארט איז: ווייל ער האט געקענט דיא כתבי הקודש וועלכע ווייזען אהין אז ישוע איז דער משיח ישראל. ס'איז טאקע אמת, אז הרב ליכטענשטיין, ווי אלע אנדערע רבנים, לערנען ניט די כתבי הקודש ספעציעל. ער האט אבער אויפריכטיג באהערציגט יענע שטעלען פון'ם תנ"כ וועלכע ווערען ציטירט און אהינגעוויזען אין ש"ס און אין אנדערע ספרים, אז ישוע איז דער אמת'דיגער משיח. צב"ש אין סכה נ"ב געפינען מיר:

"תנו רבנן, משיח בן דוד שעתיד להגלות במהרה בימינו אמר לו הקב"ה שאל ממני דבר ואתן לך, שנאמר, אספרה אל חק ד' אמר אלי בני אתה אני היום ילדתיך שאל ממני ואתנה גוים נהלתך ואהזתך אפסי ארץ". און ווער קען דען אזוי בלינד זיין און ניט זעהן אז דאס גאנצע קאפיטעל וועלכעס הויבט זיך אן מיט "על ד' ועל מ ש י ח ו" געהט נור אויף ישוע המשיח און וועם דער "ואחזתך אפסי ארץ" איז ערפילט געווארען.

"און אין ספרי דבי רב האט דער גאון געפונען פאלגענדע שטעלע: אמר ר' יוסי הגלילי צא ולמד זכות מלך המשיח המצטער בעד הפושעים, שנאמר, והוא מחלל מפשענו... על אחת כמה וכמה שיזכה לכל הדורות כלן, הדא דכתיב, וד' הפגיע בו את עון כלנו". (ישעיה נ"ג)

"און אין סכה נ"ב געפינט זיך: "האי הספידה מאי עבידתיה... הד אמר על משיח בן יוסף שנהרג, היינו דכתיב, והביטו אליו את אשר דקרו וכפדו עליו כמספר על היהיד". (זכריה י"ב)

און דער אבן עזרא זאגט ווידער אויף "הנה ישכיל עבדי ירום ונשא וגבה מאד" - ישעיה נ"ג: אמרו קדמונינו ז"ל כי בעת שחרב בית המקדש נולד משיח". ד"ה, מיט 2000 יאהר צוריק, פונקט ווען ישוע המשיח איז געבוירען געווארען.

אט אזאלכע מעהרערע שטעלען האט אונזער גאון הרב ליכטענשטיין געפונען אין תלמוד און אין זוהר הקדוש ברינגענדיג בעווייזע פון די כתבי הקודש אז ישוע המשיח איז אמת וצדק, און דערפאר האט ער עס געגלויבט און אויפגעהערט א רב צו זיין אין דער ש.הל און איז בעסער געווארען א תלמיד פון ישוע המשיח. דאס וואס אלע רבנים װאלטען באדארפט טהון ווען זיי וואלטען נור מיעהר מורא געהאט פאר גאט ווי פאר מענשען. זיי טהוען עס אבער ניט און אטאקירען נאך אנדערע וואס טהון עס יא. אוי לאותה בושה! !

קורץ: דער גרעסטער טייל פון אן ערד פון א פערטעל מיליאן אידען וואס גלויבען אין ישוע המשיח (כן ירבו) באשטעהען פון א קלאס פון יחוס, אינטעליגענץ, געלערענטע און געוויסענהאפטע אידישע מענער און פרויען. דיעזעס בלאט איז צו־קליין אויסצורעכענען אלע נעמען פון די פיערע אידישע געניוס'ען וואס האבען געגלויבט אין ישוע המשיח, ווי צב"ש. לארד ביקאנספיעלד דיזרעאלי די הערשעלס, א.ז.וו. מיר פרעגען נאכאמאל, וואס איז די ערקלעהרונג וועגען דיעזע פינאמינאלע ערשיינונגען אין'ם אידענטום?

עס איז נוצלויז צו זידלען און צו שימפען דיזע אלע נאבעלע און גרויסע פערזעהנליכקייטען וואס גלויבען אין ישוע המשיח, אזוי ווי ס'האבען געטהון אידישע שריפטשטעלער אין בעצוג צו דזשייקאב שיף'ס אייניקעל. יענע קליין־קעפיגע הברה האבען דוקא געוואלט אז מארטימער שיף, דער פאטער פון דעם מיידעל וואס האט התונה געהאט מיט א קריסט, זאל אויסגעשלאסען ווערען פון אידישער טהעטיגקייט, ער זאל רעזיגנירען פון דער שוהל, א.ז.וו. דאס צייגט נור אן ענגהערציגקייט, א דעמאראליזירטער כאראקטער וואס האט קיין רעספעקט פאר א איד וואס האט פיעל גוטעס געטהון פאר דער מענשהייט. יא, אין זיי איז פאלקאמען ערפילט געווארען די נבואה פון ישעיה ג. "ירהבו הנער בזקן והנקלה בנכבד".

דער איינציגער ענטפער צו דיעזער פראבלעמע איז: אז אין דער איצטיגער אידישער רעליגיאן


Entered as second class matter April 14, 1922 at the Post Office at Brooklyn, N. Y. under the Act of March 3. 1879